**DEC מעלדט אז אינפארסירונג פון ניו יארק'ס פלעסטיק בעג פארבאט וועט זיך אנפאנגען אום אקטאבער 19, 2020**

**סטעיט מוטיגט ניו יארקער צו BYOBagNY (ברענגט אייער אייגענע זעקל NY)**

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל קאנסערוועישאן (DEC) קאמישאנער בעזיל סעגאס (Basil Seggos) האט היינט געמאלדן אז DEC וועט אנפאנגען אינפארסירן דעם סטעיט'ס פארבאט פון איינמאליגע פלאסטיק שאפינג זעקלעך אום אקטאבער 19, 2020. דער פלאסטיק בעג פארבאט, וואס איז אריין אין קראפט אום מערץ 1, איז נישט אינפארסירט געווארן לויט א הסכם צווישן די צדדים אין אן אנקלאגע וואס איז אריינגעגעבן געווארן דורך Poly-Pak Industries, Inc. און אנדערע, אין ניו יארק סטעיט סופרים קאורט.

**DEC קאמישאנער סעגאס האט געזאגט:** "דער געריכט'ס באשלוס איז א געווינס און א באשטעטיגונג פון ניו יארק סטעיט'ס באמיאונגען צו מאכן א סוף צו די מכה פון איינמאליגע פלאסטיק זעקלעך, און אויך א דירעקטע קלאפ צו די פלעסטיק בעג פראדוצירער וועלכע האבן פרובירט אפצושטעלן דעם געזעץ און DEC'ס רעגולאציעס דאס איינצופירן. ווי מיר האבן שוין געטאן במשך פילע חדשים, טוט DEC מוטיגן ניו יארקער צו טוישן צו זעקלעך וואס מען קען איבערנוצן סיי ווען און וואו מען גייט אייגקויפן, און צו נוצן שכל הישר עס צו האלטן ריין. דער געריכט האט ארויסגעטראגן א באשלוס און DEC וועט אנפאנגען צו אינפארסירן דעם פארבאט אום אקטאבער 19. ס'איז שוין צייט צו BYOBagNY."

לויט א פאראדענונג פון דעם ניו יארק סטעיט סופרים קאורט, אלבאני קאונטי, האט DEC צוגעשטימט צו צושטעלן פאר די צדדים און דעם געריכט א ווארענונג פון כאטש 30 טעג איידער אינפארסירונג פאנגט זיך אן. DEC פארבינדט זיך יעצט מיט די וועלכע זענען פארמישט אויפ'ן ברייטן פארנעם, אריינגערעכנט גראסעריס, געשעפטן און נאך, כדי זיי צו געבן א ווארענונג פון דעם אנפאנג פון אינפארסירונג און צו ענטפערן זייערע פראגעס.

DEC מוטיגט ניו יארקער ווייטער צו נוצן איבערנוץ זעקלעך ביים איינקויפן, נישט קיין חילוק וואו און ווען, מיט די #BYOBagNY קאמפיין וואס איז אנגעפאנגען געווארן פריער אינעם יאר. מער אינפארמאַציע איבער אויסנאמען פונעם פלעסטיק בעג פארבאט, אפט געפרעגטע פראגעס, טאוולען, בלעטלער, און טיפ סטריפס צו דאונלאוד'ן, ווי אויך עצות וויאזוי צו האלטן איבערנוץ זעקלעך ריין, קען מען [טרעפן אויף די DEC וועבסייט].

עס ווערט געשאצט אז ניו יארקער נוצן 23 ביליאן פלאסטיק בעגס יעדעס יאר – יעדע בעג פאר בערך 12 מינוט – און אומגעפער 85 פראצענט פון די אומגעהויערע צאל פאלט אריין אין לענדפילס, ריסייקלינג מאשינען, טייכן און גאסן. אין מערץ 2017 האט גאווערנאר קואמא געשאפן די ניו יארק סטעיט פלאסטיק בעג טעסק פארס, און דער פארזיצער דערפון איז DEC קאמישאנער סעגאס. דער טעסק פארס איז זיך צוזאם געקומען עטליכע מאל כדי צו אנטוויקלען אן אייניגע, פארצווייגטע און פאראנטווארטליכע לעזונג צום פראבלעם פון פלאסטיק בעג אפפאל. דער ענדגילטיגער באריכט האט אנאליזירט די ווירקונגען פון איינמאליגע פלאסטיק זעקלעך און צוגעשטעלט אפציעס פאר לעגיסלאציע וואס קענען העלפן אנטוויקלען א לעזונג דורכאויס דעם גאנצן סטעיט. אין צוגאב, נאכדעם וואס דער ניו יארק סטעיט פלעסטיק בעג וועיסט רידאקשאן אקט (Plastic Bag Waste Reduction Act) איז דורכגעגאנגען, האט DEC געהאלטן א רייע זיצונגען מיט אינדוסטריע סטעיקהאלדערס לענגאויס דעם סטעיט צו בעטן דעם ציבור צו זאגן זייער מיינונג און אנווייזן די אגענטור'ס אנטוויקלונג פון כללים און רעגולאציעס איינצופירן דעם געזעץ.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פלאסטיק בעג פארבאט, איבערנוץ זעקלעך אדער צו פיילן א קאמפלעינט איבער קערפערשאפטן וואס נוצן איינמאליגע שאפינג פלעסטיג בעגס, באזוכט [DEC'ס וועבזייט]ל, שיקט אן אימעיל צו [plasticbags@dec.ny.gov], אדער רופט (518) 402-8706.

די אנקלאגע איז אריינגעגעבן געווארן דורך Poly-Pak Industries, Inc., Green Earth Food Corp., Francisco Marte, Mike Hassen, און די Bodega and Small Business Association אין ניו יארק סופרים קאורט. DEC איז פארטרעטן געווארן דורך דעם ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענערל'ס אפיס אין די אנקלאגע. דער געריכט האט ארויסגעטראגן זיין באשלוס אין דעם קעיס אום אגוסט 20, 2020.

https://www.dec.ny.gov/press/press.html